בלוטיקע טעג

ראמאן פון אידישן לעבן אין דער צייט פון די ערשטע יארן פון דער וועלט מלחמה

פון י. נארמאן

(פארטזעצונג)

ווען עס איז געווארן נאכט, האבן 2 פון די חברים באגלייט די מוטיקע מיידעל צום דערפל פארלאווין, וואו פאן זאליעסקי האט געפירט זיין הויז פון שאנדע.

אנקומענדיק צום דארף, האבן די חברים גענומען אפשייד און טויבע איז אוועק אליין און האט אנגעקלאפט אין טיר.

— דער קאמאנדיר וואלטער לעמקע האט מיר אהער געשיקט, — האט טויבע דערקלערט, און זי האט דערביי געמאכט אזא נאיון פנים, דאס ביי דעם כיטרען פאליאק האט זיך ניט דערוועקט קיין פארדאכט. — מיין נאמען איז צירל און מיין פאטער איז ירחמיאל דער פורמאן. לויט ווי דער קאמאנדיר האט מיר געזאגט, וועל איך ביי אייך האבן א גוטן פלאץ.

— גוויס, אן צווייפל, — האט פאן זאליעסקי געענטפערט, — ביי מיר האבען אלע מיידלאך גוטע שטעלעס. אבער וואס שטייסטו אין דרויסן? קום אריין אינעווייניק, איך וועל דיר ווייזן דיין צימער, וואו דו וועסט זיך איינגעוואוינען צו לעבן פרידלאך און גליקלאך.

— און וואס וועט זיין מיין ארבעט ביי אייך אין הויז? — האט טויבע געפרעגט, ווערנד זי איז אריינגעטראטן הינטער דעם פאליאק אין דעם גרויס, שיינעם און אויסגעפוצטן צימער.

— וואס ביזטו אין אזא איילעניש? — האט פאן זאליעסקי איר געענטפערט, — וואס האסטו אזוי קיין צייט ניט? ווארט, רו זיך אפ עטלאכע טעג, דו וועסט זיך צוגעוואוינען און דו וועסט שוין אליין פארשטיין דיין ארבעט.

און דער פאליאק מיט די פארשמאלצענע אויגן האט געקוקט אויף דער אידישער מיידל מיט אזעלכע בליקן, וואס האבן באוויזן, אז ער אליין איז ליידנשאפטלאך פאראינטערעסירט אין דער דאזיקער שיינער און געזונטער פרויען געשטאלט.

דאס צימער אין וועלכן פאן זאליעסקי האט געבראכט טויבע׳ן, האט זיך געפונען אין א הינטער הויז, וואו עס האבען זיך געזען נאך א סך אזעלכע קעמערלאך, וואס האבן אויסגעזען אזוי ווי א שטייג. די פענסטער זיינען געווען צום הויף און פארשלאסן מיט אייזערנע גראטעס. דאס צימער איז געווען אזוי קליין, דאס מען האט דא קוים געקאנט מאכן א טריט. די ברייטע בעט, דער איינציקער און דער קליינער טישל האבן אוועקגענומען דעם גאנצן פלאץ.

פאן זאליעסקי איז געווען זייער פארזיכטיק אין זיין געשעפט.

ווען ער האט טויבע׳ן אריינגעבראכט אין זיין הייזקע, האט ער זי א וואך צייט ניט באלעסטיקט און ניט אריינגעשיקט צו איר קיינע מענער. ער האט פריער געוואלט שטודירן איר כאראקטער, אום צו וויסן ווי אזוי זיך צו באנעמען מיט איר און ער האט געוואלט, אז אונטערדעסן זאל זי זיך צוגעוואוינען צו דעם לעבן ארום איר.

און אזוי האט טויבע פארבראכט די ערשטע אכט טעג אין דער אויסגעלאסענער הויז פון פאן זאליעסקי.

אבער אין דער דאזיקער צייט האט זי געהאט די געלעגנהייט פילעס צו זעען און לערנען.

צו דער זעלבער צייט האט זי אויך פילעס דערפארן.

זי האט נאכגעקוקט, נאכגעשפירט און נאכגעפארשט און האט געוואוסט אלעס, וואס עס איז פאר איר געווען נויטיק.

טויבע דעם מילנערס האט זיך פריי געקאנט באוועגן אין דער דאזיקער הויז, ווייל פאן זאליעסקי אליין איז געווען אין איר פאראינטערעסירט, און יעדן מאל, ווען ער פלעגט ווארפן א בליק אויף איר הויכן בוזים און איר שיינער טאליע, פלעגט אים דאס בלוט אריינשפארן אין קאפ פון לוסט און באגער.

איין מאל האט פאן זאליעסקי זאגאר איר אומגעארעמט און געפרובט שלעפען איר צו זיין צימער, נאר זי האט זיך פון אים ארויסגעדרייט.

און אזוי האט טויבע אויך דערפארען וואו דער פאליאק האט זיין געלט.

פאן זאליעסקי איז געווען א שרעקלאכער קמצן. ער וואלט פאר געלט געטאן אלעס אין דער וועלט, אפילו זיין אייגענע טאכטער וואלט ער פארקויפט צו שאנדע פאר געלט, און וואס ער האט ״פארדינט״ פון זיין שמוציקן פרויען האנדעל האט ער אלץ געשפארט און געקליבען ביז ער האט צענויפגעזאמלט א גרויסן פארמעגן, וואס ער האט קיין באנק ניט אנגעטרויעט, נאר ער האט עס געהאלטן ביי זיך אין אן אייזערנער שראנק.

נאך איידער עס זיינען דורכגעגאנגען די וואך אין וועלכער טויבע איז געבליבן געשוינט פון די מענער־באזוכער, האט זי אין א געוויסער נאכט זיך ארויסגעגנב׳עט פון איר צימער און אונטן ביי דער הויז־טיר האט זי אפגעדרוקט א שטיק וואקס אויפ׳ן שלאס פאר א נאכמאך־שליסל.

זי האט קוים באוויזן פארטיק צו ווערען מיט איר ארבעט אלס פלוצלונג האבען זיך דערהערט פון דרויסן שטארקע קלעפ אויף דער טיר.

טויבע האט קוים באוויזן זיך צו באהאלטן אין א ווינקל, דען זי האט באמערקט פאן זאליעסקי׳ס אנקומען.

פון איר באהעלטעניש האט די יונגע מיידל געקאנט זעען אלעס, און זי האט געזעען ווי דער פאליאק האט געעפנט די טיר און ווי אן אנדערער פאליאק איז אריינגעקומען, טראגנדיק אויף זיינע פלייצעס דעם קערפער פון א פרוי.

— מיין גאט, זי איז דאך טויט! — האט טויבע געמורמלט צו זיך אין ווילדן שרעק, זענדיק פון ווייטן די בלאסע געזיכטסציגע פון א יונגער מיידל, נאך כמעט א קינד.

(פארטזעצונג קומט)

INCOME TAX SERVICE
AUDITS, FINANCIAL REPORTS
INVESTIGATIONS
בוקקיפינג סערוויס
ס. א. פארטיגאל
— מיט —
דזשא. לוס און קאמפאני
Chartered Accountants, Auditors
204 עוועניו בלאק, טעלעפאן 23 942
רעזידענס פאן 24 524

פריער אדער שפעטער
איר וועט זיך ווענדן צו
הייד פארק

G&W
HYDE PARK
LONDON
DRY GIN

GOODERHAM & WORTS LIMITED
TORONTO.
Canada's Oldest Distillery.

G&W
HYDE PARK
FINEST
LONDON DRY GIN
GOODERHAM & WORTS LIMITED
TORONTO-CANADA
AUGUST
JUNE

באריכט פון ועד העיר

מש״ק, דעם 5טן יולי האט דער צייטווייליקער, געוועזענער קאמיטעט פאררופן א פארזאמלונג פון אלע דעלעגאטן פון די שולן. אלע שולן זיינען געווען פארטראטן און א היבש ביסל פריוואטע מענשן וואס האבן געוואלט אנטייל־נעמען. דער פארזיצער, מר. בוכהאלטער, האט דערקלערט אז די ארבעט פונ׳ם צייטווייליקן קאמיטעט האט זיך געענדיקט דערום גיט ער איבער די פארזיצערשאפט צו דעם וואס די פארזאמלונג וועט אויסקלייבן אלס פאריזעצער פון אוונט. עס איז אויסגעקליבן געווארן מר. יצחק פארטיגאל. דער פארזיצער, מר. פארטיגאל, האט אויפגערופן רבי כהנאוויטש צו עפענען די פארזאמלונג מיט א רעדע, און רבי כהנאוויטש האט באגייסטערט די פארזאמלונג. ער האט דערקלערט אז יעדע זאך מוז זיין גוט ארגאניזירט, ער האט אויך באגריסט די פארזאמלונג פאר איר נעמען אן אינטערעס אין אזא וויכטיקער פראגע פון כשרות וואס יעדער שול־איד איז פארפליכטעט צו נעמען אנטייל אין אזא זאך און אין דער זעלבער צייט זעען אז רבנים זאלן מאכן א בכבוד׳יק לעבן, אז עס זאל מער ניט דערלאזט ווערן צו אזא צערודערונג ווי מאכן ״טים״ און צוזאמענקלייבן נדבות, וואס איז א בזיון פאר׳ן אידישן פאלק ווען רבנים ווערן אזוי דערנידעריקט.

דער פארזיצער האט דאן אויפגערופן רבי הורוויץ, וועלכער האט אויך געהאלטן זייער א שיינע רעדע און האט באגריסט דעם קאמיטעט. ער האט צווישן אנדערש געזאגט לכל זמן, אויף אלעס קומט א צייט. דאס קומט פון גאט וועלכער איז העכער פון די הימלען און עס קאן ניט דורכגעפירט ווערן ביז דא, הינטער די הימלען, איז דא דער ווילן פון מענשן דורכצופירן עס. פון דער פארזאמלונג זעט ער, אז דער ווילן פון די מענשן איז דא, די שטאט־אידן זיינען צופרידן אז עס זאל זיין שלום און רבנים זאלן לעבן בכבוד. ער איז זיכער אז די צייט איז געקומען דערצו און דארום באגריסט ער די פארזאמלונג.

נאך דער רעדע זיינען די רבנים אוועקגעגאנגען און די פארזאמלטע האבן אנגעהויבן פארהאנדלען. דאס ערשטע איז געווען די פראגע פון דעם נאמען (ווייל דער נאמען איז אויך געווען צייטווייליק) און עס איז איינשטימיק באשלאסן געווארן אז דער נאמען זאל בלייבן ועד העיר דווויניפעג. דאן האט דער סעקרעטאר פארגעלעזן אלע פונקטן וואס זיינען אויסגעארבעט געווארן פונ׳ם שלום־קאמיטעט, דאס הייסט, די זעקס דעלעגאטן פון ועד העיר מיט די 6 אויסגעקליבענע פונ׳ם קצבים מאס־מיטינג וואס זיינען געזעסן צוויי וואכן צייט כמעט יעדן אוונט און זיך איינפארשטאנען מיט די פונקטן פון שלום, קיינער איז ניט געווען קעגן.

דאן איז אויסגעקליבן געווארן א פערמאנענטער קאמיטעט גוטשטייענד פאר א יאר צייט. עס זיינען פארגעקומען נאמינאציעס פאר פרעזידענט. עס זיינען נאמינירט געווארן די הערן: וואלענסקי, פארטיגאל, טעסלער, בוכהאלטער, גאלדמאן, זלאבינסקי, סילווער. אלע האבן זיך צוריקגעצויגן אין ״פייוואר״ פון מר. פארטיגאל און מר. פארטיגאל איז דערקלערט געווארן דערוויילט.

מיט א מערהייט שטימען זיינען דערווילט געווארן מר. וואלינסקי פאר ערשטן וויצע־פרעזידענט און מר. רויטנבערג פאר צווייטן וויצע־פרעזידענט. מר. טעסלער איז דערוויילט געווארן מיט א מערהייט פארמאכטע שטימען אלס קאסירער. אלס קאנטראלערס זיינען איינשטימיק אויסגעקליבן געווארן: מר. סילווער, מר. שולמאן און מר. וויינשטאק. עס זיינען אויך אויסגעקליבן געווארן 21 באלעבאטים אין עקזעקוטיוון קאמיטעט וועלכער צעטיילט זיך אין פיר סוב־קאמיטעטן: ועד הכשרות פינאנץ־קאמיטעט, אינקאם קאמיטעט און אונטערזוכונגס קאמיטעט. אלע אנוועזנדע, סיי די פריוואטע באזוכער סיי די אויסדערוויילטע פון די שולן, זיינען דערקלערט געווארן אלס ״בארד״ צו וועלכער דער עקזעקוטיווער קאמיטעט דארף פון־צייט־צו־צייט באריכטן וועגן אלעס וואס עס קומט פאר.

די פאלגנדיקע פערזאנען זיינען דערווילט געווארן אין עקזעקוטיוון קאמיטעט: מר. בוכהאלטער, מר. גערשפעלד, מר. רוסף, מר. רובין, מר. איסר אלפערן, מר. נערטל, מר. בערמאק, מר. דארפמאן, מר. רוזען, מר. שמואל אלפערן, מר. שינביין. מר. קודין, מר. פאלאק, מר. פעקער, מר. חיים סטיימאן, מר. סינייסקי, מר. בעלאף, מר. פאל, מר. אליעזר סילווער, מר. קרויטבערג, מר. בעלקין

דער קאמיטעט איז אינסטרואירט געווארן פון דער פארזאמלונג פון היינט אן און ווייטער צו טראגן די פליכט פון צונויפנעמען די שחיטה געלדער (ד. ה. דעם 1 סענט אויף א פונט כשר פלייש) און דאס אויסטיילן אלס געהאלט לויט ווי עס איז אויסגעארבעט געווארן דורך די פריעריקע צוויי קאמיטעטן, עטאבלירן אן אפיס און אנשטעלן א סעקרעטאר און בכלל אנצוגיין מיט דער גאלר נויטיקער ארבעט.

נאך דער ערשטער קאמיטעט־פארזאמלונג וועלן פארעפנטלאכט ווערן די אויסגעארבעטע פונקטן.

מיט דרך־ארץ,
ש. רוסף,
צייטווייליקער סעקרעטאר.

״זאנענפעלד״

(שלוס פון זייט 3)

איקא א מארטגעדזש באנק אדער א פילאנטראפישע אינסטיטוציע אדער ביידע צוזאמען. ווען די עלטערע פארמערס רעדן פון דער איקא, רעדן זיי בלויז וועגן גוטע אדער שלעכטע אדמיניסטראטארן, פונקט ווי זייער גאנץ לעבן און שיקזאל מוז אפהיינגען פון דעם אדער יענעם באאמטן, די פאריזער חברה קאנען זיי ניט און פון מאנטרעאל קומט קיינער ניט אויסער מר. בעלקין, דער גענעראל סעקרעטאר.

א חוץ אויף דער איקא און אירע באאמטע באקלאגט זיך ניט דער אידישער פארמער. מאנכע זיינען מער דערפאלגרייך, אנדערע ווייניקער, עס ווענדט זיך אן דעם לאנד און אן די פינאנציעלע מעגלאכקייטן זיך אויסצוברייטערן וואס יעדער פארמער באזיצט. די אידישע פרויען באקלאגן זיך אביסעלע מער מיט׳ן אלטן ווארט וואס מיר אידן זיינען געבענטשט אדער פארשאלטן געווארן: ״וואס וועט זיין דער תכלית? ווען מיינע טעכטער וועלן אויסוואקסן? זיי וועלן דאך פארווילדעוועט ווערן אויף דער פרייערי! מילא, מיר עלטערע וועלן שוין ווי עס איז דורכשלעפן אונזער וועלטל, אבער וואס טוט מען מיט די קינדער?״

מיר דוכט זיך, אז דאס ווארט תכלית געפינט זיך ערגעץ ניט אויסער ביי אונז אידן און עס פארפאלגט אונז איבעראל..

עס זיינען פאראן אין דער קאלאניע א לערער און א שוחט. כמעט אלע קינדער לערנען זיך אידיש און העברייאיש. עס קומט אן אביסל שווערלאך פאר די קינדער אבער די זעלבע שווריקייטן זיינען דאך אויך בנוגע די ענגלישע למודים. זיי מוזן פארן, אדער גיין ווען דער וועטער דערלויבט עס, אמאל 2 אדער 3 מייל צו א שול.

אין די מערסטע פאלן זיינען די הייזער און דער ארט לעבן פון אידישן פארמער בעסער ווי זיין קריסטלאכן שכן, אונטער די זעלבע באדינגונגען. עס געפינט זיך אין דער שול געבוידע, וואס דינט אויך פאר א טאנץ זאל, א באשיידענע ביבליאטעק און עס ווערן דורכגעפירט שמחות, טענץ און סאשלס אזוי אפט ווי מעגלאך. די קאלאניע אלס א גאנצע מאכט זייער א גוטן איינדרוק.

ווען דער קאנאדער אידישער איקא קאמיטעט אין מאנטרעאל ווי אויך אין רעדזשיינע זאל האבן מער מאכט וואלטן די באציאונגען צום אידישן פארמער געווען גאנץ אנדערע. פון פאריז ביז מערב קאנאדע איז א היבשער מהלך, די הילף וואס קומט שוין אן דעם אידישן פארמער נאך פיל מאטערנישן אין דער פארם פון א הלוואה איז אפט מאל א פארשפעטיקטע — אבער דאס זעלבע שרייען אויך די אידישע פארמערס פון ארגענטינע. די איקא באאמטע אין קאנאדע האבן איין תשובה אויף אלע פארמערשע פאדערונגען: ״מיר וועלן איבערגעבן אייער ביטע קיין פאריז״. מיר דוכט אז עס איז כמעט ניטא קיין אויסוועג צו דער פארלאנגטערטער סיטואציע, אזוי לאנג ווי אין דער שפיץ פון באראן הירש׳ס ירושה וועלן שטיין אזעלכע טיפן אידן וואס קוקן אויפ׳ן פארמער פון אויבן ארונטער. עס זיינען אבער יא פאראן זאכן וואס מיר אידן אין מערב קאנאדע וואלטן געקאנט העלפן אונזערע אידישע פארמערס. די אידישע פארמערס זיינען דאך מערסטנטיילס א שטאטישער עלעמענט, עס בענקט זיך זיי נאך א ניי ווארט. מיר האבן קיין עין־הרע א היבש ביסל רבנים אין דער וועסט וואס גיבן אפ אזויפיל צייט אויף בשר־כשר, ווארום ניט באזוכן אמווייניקסטנס איין מאל א מאנאט אזעלכע פונקטן? ווארום טוען דאס די קריסטלאכע גייסטלאכע? אמת, א פאנד פאר אזא צוועק וואלט געדארפט געשאפן ווערן. מיר האבן גענוג אינטעליגענטע קרעפטן אין מערב קאנאדע וואס וואלטן פון צייט צו צייט געדארפט באזוכן די אידישע פארמערס.

אט וואס עס פעלט אוים אונזערע אידישע פארמערס: 1) א בעסערע סאציאלע אטמאספערע, אנגעפירט פון דער קאלאניע יוגנט; 2) א יוניאן קרעדיט געזעלשאפט וואס זאל דערמעגלאכן דעם אידישן פארמער צו קריגן קליינע הלוואות ווען ער נויטיקט זיך אין זיי; 3) א קאמיטעט פון 5 אידישע פארמערס וואס זאלן שטענדיק שטיין אין פארבינדונג מיט דער איקא אין מאנטרעאל און רעדזשיינע פאר אלע זייערע בארעפענישן און זאלן האבן די אנערקענונג פון דער איקא פון מאנטרעאל; 4) איין מאל א יאר זאל קומען אויף באזוך אמווייניקסטנס איין מיטגליד פון מאנטרעאלער איקא קאמיטעט און זיך באקענען אויפ׳ן פלאץ מיט די פארמארשע און אידישע בארעפענישן.

מיר, שטאטישע, אנטערשאצן די באדייטונג פון אידישע פארמערס אין קאנאדע בכלל און אין מערב קאנאדע בפרט. אויב מיר זיינען פאראינטערעסירט אין דער אידישער אימיגראציע קיין קאנאדע וואס איז א נאציאנאלע פראבלעם, מוזן מיר זעלבסט האבן א בעסער און נעענטערע באציאונג צום אידישן פארמער, זיך נעענטער באקענען מיט זיינע פריידן און ליידן. א שטענדיקע פארבינדונג מוז געשאפן ווערן צווישן שטאט און דארף, עס וואלט פיל לייכטער געמאכט דאס לעבן פון דער אידישער פרוי אויף דער פארם, עס וואלט אביסל געהאלפן האלטן די אידישע יוגנט אויפ׳ן פארם, עטוואס מוז געטאן ווערן. אפליינן וואלט געווען א פארברעכן. מיר מוזן זיך אינטערעסירן מיט׳ן גורל פון אידישן פארמער.

צו ענדע וויל איך באדאנקען אלע אידישע פארמערס פון זאנענפעלד וואס זיינען געקומען צו דער פארזאמלונג, אויך מר. און מרס. ישראל האפעד פאר זייער גאסטפריינטלאכקייט, און פאר זייערע וויכטיקע אינפארמאציעס. איך באדאנק אויך מר. ראזענבערג פון רעדזשיינער איקא, פאר דער אינפארמאציע ״וואו עס האלט היינט מיט דער אידישער קאלאניזאציע אין מערב קאנדע״ ווי אויך וועגן דעם פראצעס. איך גלויב אז די הימלען פון זאנענפעלד וואס זיינען אביסעלע פארצויגן א דאנק די ״טריילס״ וועלן זיך אויסלייטערן, אבער עס וואלט זיך ניט געוואלט הערן, אז פערזענלאכע ראכע זאל גענומען ווערן פון איינציקע פארמערס, ווען דער זיג וועט זיין אויף דער שטארקער זייט, ווען אפילו זיי זאלן זיין פולקאם גערעכט. ראכע איז ניט קיין אידישע מדה. מר. ישראל האפערס אמביציע — א גרויסע אידישע קאלאניע וועט זיכער פארפילקאמט ווערן ווען די פערזענלאכע רייבונגען וועלן פארשוואונדן ווערן.

איין זאך מוזן מיר אלע געדיינקען. מיר מוזן אלעמאל קעמפן פאר א דעמאקראטישער פארוואלטונג אין דער איקא אין קאנאדע, אבער פארלויפיק האבן מיר ניט היינט צו טאן קיין צווייטן קאלאניזאציאנס אפאראט וואס זאל פארנעמען דאס פלאץ פון דער איקא און ביז אזא אפאראט וועט אמאל געשאפן ווערן, מוזן מיר מיטהעלפן די אידישע פארמערס מיט וואס מיר קאנען נאר אונטער דער פירערשאפט פון דער איקא.

היינט אויף דער ראדיא

CKY
וויניפעג
3.00—מוזיק.

CJRW 499.7
פלעמינג
5.40—מוזיק.
6.15—אנקל פיטער.
8.30—ראיאל אלעקסאנדרא ארקעסטער.

CJGX 650
יארקטאן
7.15—פארמערס פריירי ראדיא שעה.
8.00—סי. ען. אר. טשיין.

WGN 720
5.30—שיקאגא, קאנצערט, געזאנג.
6.00—שיקאגא, נאוועלע קאנצערט.
7.00—שיקאגא, עווערעדי שטונדע.

WDAF 610
7.30—קענזעס סיטי, מוזיק. פראגראם.

WOW 590
7.30—אמאהא, מוזיקאלישע פראגראם.
8.00—אמאהא, פארשיידענא. קאנצערט.

WTAM 1070
8.30—קליוולאנד, אר. קיי. א. שטונדע

WJR 750
9.00—דעטראיט, פיטשורס.

WGN 720
9.30 — שיקאגא, סימפאני ארקעסטער.

WMAQ 670
10.00—שיקאגא, טאנץ מוזיק.

WLW 700
11.00— סינסינעטי, ארקעסטער.

NEW PALACE THEATRE
היינט און מארגן
דזשעק מאולהאל
״אין די נעקסט רום״
אויך א ריידנדע קאמעדי און
פאקס נייעס

אין פעלעס טעאטער

היינט און מארגן ווערט געוויזן דאס זייער שפאנענדע בילד ״אין נעקסט רום״. ס׳איז א דורכאוים ריידנדיק בילד, שפאנענד, אינטערעסאנט און אינהאלטסרייך. דזשעק מאול־האל שפילט די הויפט ראל, צוזאמען מיט אן ערשט קלאסיקן קעסט. עס ווערט אויך געוויזן א דורכאויס־ריידנדיקע קאמעדיע, פאקס נייעס און פיטשורס. זעט און הערט עס אין פעלעס טעאטער.

האט ניט קיין זארג
ווענן איבערפירן אייערע זאכן אין
וויניפעג ביטש אדער גימלי
סימקינס טראנספער
וועט דאס פאר אייך טאן פינקטלאך און ראיעל
צו אייער בעסטער צופרידנהייט
מיר מופן אלצדינג אין שטאט און אין קאנטרי
מעסיקע פרייזן
טעלעפאנירט 52 540
S. SIMKINS TRANSFER
456 STELLA AVE. - PHONE 52 540

יעקב שמעלניצקי ע״ה

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו דער אלמנה און צו דער גאנצער משפחה אויף זייער גרויסן אומגליק. מיר ווינשן זיי און דער גאנצער פאמיליע געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. קאהען
110 באן אקארד בלאק

יהושע קירזשנער ע״ה

צו דער פרוי און קינדער און צו דער גאנצער פאמיליע דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער שווערן פארלוסט. מיר ווינשן זיי געטרייסט צו ווערן און מער קיינמאל פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. באקסער
און פאמיליע

ברוך־שניאור סאבלעט ע״ה

צו דער פרוי און קינדער און צו דער גאנצער משפחה דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער שווערן פארלוסט. מיר ווינשן זיי געטרייסט צו ווערן און מער קיינמאל פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. באקסער
און פאמיליע

Classified Section קלאסיפייד סעקשען

ספעציעלע פרייזן פאר ארדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפטיילונג

איין מאל, 5 ס. פער ״אנייט לייז״	פאר 3 מאנאטן, $2.15
פאר א וואך, 20 כ ״	פאר 6 מאנאטן, $4.00
פאר א מאנאט, 75 ס. ״	פאר 1 יאר, $7.50

:: צו פארקויפן ::
FOR SALE

בלויז א פאר מציאות פון אונזער גרויסן ליסט

8 רומיקע הויז אויף אלפרעד עווע., 4 צימערן אויפ׳ן ערשטן פלאר 4 שלאף צימערן אויפ׳ן 2טן פלאר. אוק פיניש, פייער פלייס, גוטער גאראדזש, אין אלע הינזיכטן זייער א שיינע הויז וואס מוז יעדן געפעלן, מוז פארקויפט ווערן פאר $5,500.00.

6 רומיקע הויז, 2 בלאק פון מיין סטריט נארט פון בראדוס, פאר בלויז $2,600.

אן אמת׳ער בארגן אין א דאבל הויז פון 14 צימערן, פול מאדערן, זייער א גוט געבוידטע, הויז און בלויז א האלבן בלאק פון מיין סטריט, פאר בלויז $4,700.00 מיט אמווייניקסטנס $2,000.00 קעש.

Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאנס 55 761 און 53 807

א מציאה פאר א שנעלן קויפער.—א לאט אויף קאטידראל עווע. איסט, מיט $200 ביליקער פון דער רעגולאר פרייז. שרייבט צו דאס אידישע ווארט באקס 460.

צו פארקויפן א בוק־קיים ביליק. זיך ווענדען אין 484 פלארא עווע.

צו פארקויפן א 6 רום סטאקא באנגאלא. וואונדערבארער לאקיישאן. גרויסע ליווינג רום און דיינינג רום, באהייצטע סאן רום, אוק פלארס, אוק פיניש, 3 רומס אפסטערז צוגעגרייט צום פינישן. לאט 250 ביי 36 ריווער פראנטעדזש. זיך ווענדן אין 182 גלענוואוד קרעסענט. טעלעפאנירט נאך 6 501 428.

הייזער צו פארקויפן
S S S S S S S S S S S
2½ שטאקיקע פריים הויז פון 9 רומס מיט מייפל פלארס און אוק פיניש, דורכאוים אין בעסטן צושטאנד. נאענט צו מיין סטריט אין סט. דזשאנס דיסטריקט. אויסערגעוויינלאך פאסנד פאר א דאקטארס ־וואוינונג. וועט פארקויפן פאר זייער א נידעריקן ציפער פון $5,700 מיט א גוטן קעש פיימענט. רופט אפ
MR. LAWRIE, OF
J. J. SWANSON & CO. LTD.
601 Paris Bldg., Phone 26 349
or Evgs. 503-007

אויב איר קויפט א נייע היים, זייט זיכער אז עס איז מאדערנע עלעקטריש

עס דארף זיין גענוג לייטס און בייסבארד אוטלעטס צו באדינען יעדע זייט פון יעדער רום. איר קאנט ניט מאכן אייער היים פרעקטיק אן גענוג צוגעפאסטער עלעקטרישער באדינונג.

זוכט ניט צו טרעפן! קויפט א היים געוויירט צו דער סיל ספעסיפיקאציעס — מיט גענוג באלויכטונג, ניט ווייניקער פון 3 דופלעקס בייסבארד אוטלעטס אין ליווינג רום, 3 אין דיינינג רום, 2 אין בעדר רומס, 1 אין אונטערשטן און אויבערשטן האל, 2 אין סאן רום און אנדערע טיילן פון דער היים צוגלייך באדינונגספולע — באקוועמלאכע סוויטשעס. וואס פארהיטן א סך טריט, וויירערינג צו דער הינטערשטער טיר איז שווער גענוג צו טראגן, יעדע מישא פאר איצטיקע און צוקונפטיקן געברויך.

אונזער באדינונג איז פריי צו יעדן איינעם וועלכער בויט א נייע היים. גיט אכטונג אויף דעם דער סיל עמבלעם אויף נייע הייזער. פרעגט אייער ארכיטעקט, בילדער אדער עלעקטרישן.

שרייבט אדער טעלעפאנירט פאר פרייען האנדבוך
RED SEAL ELECTRICAL SERVICE
501 SCOTT BLOCK
Telephone 21 028

געשעפט _ געלעגנהייטן
Business Opportunities

מאנופעקטשורינג געשעפטן

פארטנער פארלאנגט מיט $3,500 קעש פאר א גוט־גייענדן געשעפט מיט גרויסע מעגלאכקייטן. א נייע אינדוסטריע וואס וואקסט טעגלאך.

א נייע־פאנדעטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג פארלאנגט פארטנער מיט $5,000 קעש. איצטיקע קאנטראקטן פארזיכערן דעם דערפאלג. א געלעגנהייט צוטרעטן צו א גוטן געשעפט אין א ריכטיקער צייט.

מיט $2,500 קאנט איר צוטרעטן צו א ראיעלער מאנופעקטשורינג ביזנעס וואס איז שוין עטאבלירט עטלאכע יאר און טוט גוטע געשעפטן. די שטרייינגסטע אונטערזוכונג וועט אייך איבערציינגן.

אויב איר ווילט א געשעפט, זעט
ה. פערלמאן און נ. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
796 Main Street Phone 51 000

זעט אונזערע נייע ספרינג סחורות
א גרויסער אויסוואל פון, וואס אויסצוקלייבן
Dominion Furniture Co., Limited
499 NOTRE DAME AVENUE
PHONES: 86 195 — 87 873

וואנצן און קאקראוטשעס
פארניכטעט. ארבעט גאראנטירט
CHARLES RIESS & CO.
376 Colony St. Phone 33 529

:: פערזענלאכעס ::
PERSONAL

פליכעוואטע מענער — נייע האר —
אין 10 ביז 60 טעג גאראנטירט: שארבן־קרעץ, דענדראף, שארבן עקזעמא, געהיילט דורך פערזענלאכער באהאנדלונג
FRANKS, 207 Montgomery Bldg.
215½ Portage Ave.
א סך באשטעטיקונגען אויפן פארלאנג

SIMPSON & COMPANY
בייליפס
לייסענסד און באנדעד
ר. סימפסאן, מענעדזשער
404 McINTYRE BLOCK PH. 88 008

געלט!
פאר אייערע באלדיקע נויטן
$50 ביז $500
צוועלף מאנאטן צו באצאלן עס צוריק. ריזאנייבל רייטס. פינקטלאכע באדינונג. שטרענג פארטרויאלאך
אפן טעגלאך ביז 7.30 נאכמיטאג.
General Loan and Insurance Agency
718 Somerset Block, Winnipeg
Phone 24 789

R. B. ORMISTON
פלאריסט
צוויי סטארס צו אייער באדינונג
96 Osborne St., Phone 42 386
340 Portage Ave., Phone 24 791
בלומען טעלעגראפירט איבעראל

פאונדיישאנס פאר מצבות געמאכט און פאררעכט פאר אייער צופרידנהייט.
JOHN SCHALER
Phone 5993921

A. MUIR
אוטאריזירטער
דוקא פינישינג סטיישאן
בענדערס און באדי ריפעירס
376 FURBY ST.
PH. 33 255

אייער אלטע מעבל געמאכט ניי —
און טאקע ביי אייך אין דער היים.
בעסטע ארבעט פאר ביליקסטע פרייזן
רופט מיך אפ 23 269

לייף אינשורענס
בעסער צו האבן א פאליסי און ניט דארפן עס, איידער דארפן דאס און ניט האבן..
P. A. TEMPLETON
807 Electric Railway Chambers
Phone 89 688

א מיטליאריקער רעליגיעזע פראפעסיאנעלער מאן זוכט באקאנטשאפט מיט אן אנשטענדיקער פרוי. מוז האבן אביסל פארמעגן. שרייבט צו ״דאס אידישע ווארט״, באקס 296.

רעגינא שערער, איצט אקשארן, זוכט מר. ריטבערג, אדער זיינע שוועסטער: רעגינא געטי, ראזא. זיי קומען פון טאפאראנץ, בוקאווינא. זיך מעלדן צו
REGINA OCHSHORN
701 DeKalb Ave., Brooklyn

:: צו פארדינגען ::
FOR RENT

צו פארדינגען צוויי גרויסע ליכטיקע רומס פאסיק פאר א אינטעליגענטער יונגער פארל אן קינדער. קאנען זיך באנוצן מיט דער קיטשען און טעלעפאן. ריזאנאייבל טערמס. זיך ווענדן אין 415 מאניטאבא עוועניו, טעלעפאן 52 660.

צו פארדינגען דריי רומס אויפן באר רום פלאר אין א פול מאדערנער היים. אלע באקוועמלאכקייטן. נייע רעקארירט. זיך ווענדן אין 493 רעדוואוד עוועניו.

צו פארדינגען א 5 רום קאטעדזש און זומער קיטשען. קאר. קינג און פלארא. זיך ווענדן אין 56 אלבערט סט. טעל. 21 151

צו סובלעטן א 3 רום סוויט אין פלארא קאורט. רעדוצירטע רענט. טעלעפאנירט 52 842

אין וויניפעג ביטש, באדר און רום —
זייער גוטע מאלצייטן און אויפפאסונג. פארברענגט אייער זומער וואקאציע אין א באקוועמער אומגעבונג. ריזאנייבל רייטס. ווענדן צו מרס. ר. פרידמאן, 5 אוק סטריט, וויניפעג ביטש.

מרס. א. קאופמאן
אנאנסירט צו אירע פילע פריינט און באקאנטע אז זי וועט היינטיקן זומער באזארגן מיט באדר און רום און בא׳טעמ׳טע מאכלים — נאכמיטאג טיי מיט היימישע געבעקס. דער אדרעס איז: 3 אש סטריט. טעלעפאנירט 51 746.

צו פארדינגען אין 494 קאלאדזש עוועניו, צוויי גרויסע רומס מיט א באד. טעלעפאנירט 51 950.

צו פארדינגען א רום מיט אדער אן באדר, אין א אידישער היים, מיט אלע באקוועמלאכקייטן. זיך ווענדן אין 371 מאניטאבא עוועניו, טעלעפאן 52 016.

ארבעטער פארלאנגט
HELP WANTED

בלויז פאר דער שטאט וואנקאווער

אויב איר קאנט אויסקוקן א פאר שטונדען א טאג, און איר זייט א גוטער סיילסמאן, האבן מיר פאר אייך א גוטן אנבאט. שרייבט צו דאס אידישע ווארט באקס נומער 8347.

פעדערנע און וואלענע קאלדרעס
געמאכט צו ארדער, פארשיידענע סייזעס. איבערגעמאכט פון אייערע אייגענע פעדערן. אויך וואלענע קאלדרעס.
THE PERFECTION QUILT MFG. CO.
682 Selkirk Ave. Phone 52 546